התחלקות, ד.ה. אז ניט אלע אידן זיינען געווען גלייך, ווארום וויבאלד עס איז געווען גדולים און קטנים אין גשמיות איז דאס א ראי' אז עס איז געווען גדולים און קטנים אויך אין רוחניות, אבער פונדעסטוועגען האבן אפילו די קטנים ניט געדארפט אנקומען צו א נתינת כח פון אימצן, אזוי איז אויך היינט, אז יעדער איינער קאן זאגן מצד עצמו די שירת אז ישיר.

און נאך מערער, אז יעדער איינער קאן זיין אויך א משפיע, ד.ה. ניט נאר אז ער דארף ניט זיין קיין מקבל נאר ער קאן זיין א משפיע, - אזוי ווי עס איז געווען דאן, עשאם כולם דועים - און פועל'ן אויף דעם צווייטן ער זאל ווערן אזוי ווי ער, ווי דער רבי זאגט אין דער שיחה וואס עס איז געדרוקט צוזאמען מיט די פסח'דיקע מאמרים (שניתן ללמוד להאי שתא, קונ' עז): א יחיד איז א רבים, ער איז בכח צו מאכן א רבים און באלעבן א רבים. איז דער פשט אין דעם אז ער קאן אופטאן אז דער רבים זאל ווערן אזוי ווי ער, ד.ה. זיי זאלן ווערן משפיעים.

ה. (כ"ק אדמו"ר שליט"א ציוה לנגן ואח"כ אמר את המאמר ד"ה והחרים הוי' את לשון ים מצרים).

ו. עס איז ניט מענינא דאחרון של פסח אבער עס איז מענינא דיומא. מארגן - ווייס מען דאך - אז מען דארף מאכן ברכת החמה. דער ענין פון ברכת החמה כפשוטו איז, אז אין דער צייט וואס די זון קומט אויף דעם זעלבן ארט וואו זי איז נתגלה געווארן, מאכט מען עושה מעשה בראשית. בכלל איז יעדער יאהר קומט זי אויף דעם פלאץ, אבער עס איז ניט אין דעם זעלבן זמן ווי זי איז נתגלה געווארן, אבער בשעת זי קומט אין דעם זעלבן זמן וואס זי איז נתגלה געווארן, אויף דעם זעלבן ארט, וואס דאס איז אכט און צוואנציק יאהר, דאן מאכט מען די ברכה, עושה מעשה בראשית.

און הגם אז מיר פסק'נען אז בתשרי נברא העולם, איז לפי"ז האט מען געדארפט מאכן ברכת החמה בתשרי (באלול) פונדעסטוועגען מאכט מען ברכת החמה ניסן, ווײַלע ניסן איז ראש חדשים, במילא הייבן מיר אן רעכענען אלע ענינים פון ניסן. (אמר איז הביאור קצר בזה ואין זוכרים).

דאס איז דער ביאור בכללות. עס איז אבער פראן אין דעם כמה ענינים וואס עפ"י נגלה איז דאס זייער שווער און מ'קאן דאס ניט פארענטפערן, און מען מוז אנקומען צו תורת החסידות, כדלהלן.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 256 הודפס ע"י אוצר

אוצר החכמה

ז. בכלל איז אין אלע זאכן וואס דער אויבערשטער האט באשאפן, וואס די אלע זאכן האבן אין זיך ניט קיין שלימות און דארפן אנקומען צו העכער פון זיך, האט דער אויבערשטער אין זיי מטביע געווען, עס זאל זיין אין זיי ניכר אז זיי מוזן אנקומען צו דאס וואס איז העכער פון זיי, און אז זיי אליין האבן ניט קיין שלימות.

דאס איז דער פשט וואס עס שטייט, רוח צפונית אינה מנשבת, שטייט אויף דעם דער טעם, אז טאמער וועט אימצער זאגן וואס איז אזוי דער אופטו אין מעשה בראשית, ענטפערט מען אים, אדרבא, זאיי משלים דעם רוח צפונית, ד.ה. אז דער אויבערשטער האט אזוי ארייך געגעבן אין דער וועלט, אז אין איהר זאל זיין ניכר, אז זי מצד עצמה האט קיין שלימות ניט, וואדום מ'זעהט דאך אז דוח צפונית אינה מסבבת און דאס קאן מען בשום אופן ניט אויפטאן, איז דאך מכאן ראי' אז אויך די איבעריקע ג' רוחות, זיינען ניט מצד עצמם נאר מצד אלקות וואס באשאפט זיי.

– אין רוחניות דער ענין פון רוח צפונית אינה מסבבת איז: אשר ברא אלקים לעשות, לתקן, אז יעדער זאך דארף תקון, דאס מיינט אז עס דארף זיין עבודה, און די עבודה איז אויף מברר זיין דעם קו השמאל, דערפאר איז רוח צפונית, וואס דאס איז דער קו השמאל, ומצפון תפתח הרעה, אינה מסבבת, ווייל דעם תקון פון קו השמאל דארף מען אויפטאן דורך עבודה דוקא. דערפאר איז לעתיד לבוא, דער גמר הבירורים, וועט זיין למרבה המשרה מיט א מ"ס סתומה, ד.ה. אז עס וועט זיין די השלמה אויך פון דעם דוח צפונית –

וויבאלד אז באמת האט דאך קיין זאך קיין שלימות ניט מצד עצמה חוץ עצומ"ה א"ס ב"ה, וואס ער איז נמצא מצד עצמו, אבער אויסער אים, דארפן דאך אלע אנקומען צו העכער פון זיך, במילא איז אין אלע ענינים ניכר, ווי זיי מצד עצמם זיינען ניט קיין שלימות און זיי מוזן אנקומען צו העכער פון זיך, ביז אז אפילו אין תודה וואס תורה דארף דאך אויך אנקומען צו נשמות ישראל זיי זאלן משפיע זיין אין איהר, ווי עס שטייט דוד הי' מחבב תודה שלמעלה בהקב"ה, איז אויך אין תורה ניכר ווי זי דאדף אנקומען צו העכער פון זיך.

לדוגמא: אין תורה שבכתב איז פראן דער ענין פון קרי וכתיב, וואס דער כתיב האט דאך קיין פירוש ניט מצד תושב"כ אליין, ובמילא איז דאס א הוראה אז אויך דער קרי וואס האט יע א פירוש, איז ניט דאס איז ער, נאר דער גאנצער ענין פון תושב"כ – אויך דער קרי – איז ווי ער ווערט אויסגעטייטשט אין תורה שבעל פה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 257 הודפס ע"י אוצ

און אזוי איז אויך אין תורה שבעל פה, איז פראן כמה וכמה ענינים וואס עפ"י נגלה האבן זיי ניט קיין ביאור. און מ'מוז אנקומען צו פנימיות התורה, וואס דאס איז א הוראה אז אויך די ענינים וואס זיי זיינען מבואר עפ"י נגלה, איז דאס ניט קיין ענין פון נגלה אליין, ובעיקרם איז דאס – פנימיות התורה. (אזוי ווי דאס וואס עס פעלט דער רוח צפונית איז א הוראה אז אויך די ג' רוחות זיינען מצד אלקות).

צווישן די ענינים אין נגלה וואס באווייזן אז מען דארף אנקומען צו פנימיות התורה, איז ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט זמנים, און צווישן זיי אויך ברכת החמה.

ח. קדוש החודש: אין קדוש החודש געפינט מען צוויי ענינים הפכיים. א) דער ענין פון קדוש החודש איז ווי עס שטייט כזה ראה וקדש, ד.ה. אז די זאך פון ר"ח מיינט דער טאג פון דעם מולד הלבנה, וואס דאס ווערט אנגערופן דער צווייטער טאג פון מולד הלבנה איז יום ב' לחודש, א.א.ו. ווייל דער ענין פון חודש איז דער מולד הלבנה. דערפאר שטייט אין רמב"ם אז דער סדר ווי ב"ד איז מקדש דעם חודש איז, אז צו ערשט דארפן זיי אויסרעכענען און וויסן קלאר ווען איז דער מולד און נאכעהר זיינען זיי מקדש. ב) דער ענין פון קדוש החודש איז תלוי אין ב"ד, ווי עס שטייט אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מוטען, און נאך מערער, אתם אפילו מזידין. ד.ה. אז ב"ד האט בכח צו אויסקלייבן א געוויסן טאג און מאכן אים פאר ר"ח, און אלע טעג זאלן זיך ציילן פון אים, אז דער צווייטער טאג פון אים איז יום ב' לחודש, דער דריטער טאג יום ג', א.א.וו.

ולכאורה איז די צוויי זאכן א תרתי דסתרי, וויבאלד אז די זאך פון ר"ח איז דער טאג פון מילוי הלבנה, וואס דערפאר ווערט עס אנגערופן ר"ח, היינט ווי אזוי קאן ב"ד מאכן א אנדער טאג פאר ר"ח, בשעת יענער טאג איז ניט ר"ח? דאס הייסט אז הגם מיר געפינען טאקע כמה וכמה ענינים וואס זיינען איבערגעגעבן צו ב"ד., פונדעסטוועגען איז דא ניט מובן, ווארום די אלע ענינים וואס זיינען איבערגעגעבן צו ב"ד זיינען ניט תלוי אין אנדערע זאכן, ולדוגמא אין דעם ענין אליין, אויב דער טייטש פון חודש וואלט ניט געווען מולד הלבנה, וואלט יעמולט קיין קושיא ניט געווען, אבער בשעת אז מען זאגט אז דער גאנצער ענין פון ר"ח איז כזה ראה וקדש, היינט ווי קאן ב"ד מאכן א אנדער טאג פאר ר"ח, בשעת יענער טאג איז ניט ר"ח, ווארום יענעם טאג איז ניט געווען דער מולד? עס איז דאך א דבר והיפוכו. פון איין



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 258 הודפס ע"י אוצר

אוצר החכמה

זייט שרייבט דער רמב"ם אז דער סדר פון קדוש החודש איז אז ב"ד דארף גוט אויסרעכענען און וויסן ווען איז דער מולד, ולאידך גיסא, נאך דעם וואס זיי האבן אויסגערעכענט, קאנען זיי טאן וואס זיי ווילן? איז דאס איינע פון די ענינים אין זמנים, וואס מען דארף אנקומען צו חסידות. אזוי איז אויך דער ענין פון עיבור שנים. (כ"ק אדמו"ר שליט"א לא דיבר בפרטיות בענין עיבור השנים).

ט. דער ביאור פון דעם עפ"י תורת החסידות איז: אלע ענינים וואס זיינען פראן למטה קומען זיי פון למעלה, כידוע. אזוי איז אויך די זאך פון מולד הלבנה, קומט עס פון למעלה, וואס מלכות לית לה מגרמה כלום און זי איז מקבל פון ז"א, און פון דעם ענין מולד הלבנה למעלה ווערט מולד הלבנה למטה.

די ענינים פון תורה ומצות וואס זיינען פארבונדן און תלוי אין דברים גשמיים, איז דער פשט אין דעם, אז דאס איז תלוי אין די רוחניות פון די ענינים וואס דאס איז דער שרש פון די דברים גשמיים, וואס אין דעם איז תלוי די מצות, נאר אזוי ווי די ענינים שלמעלה ווערן נשתלשל למטה, במילא איז דאס מתאים אויך מיט די דברים הגשמיים.

אזוי איז אויך דער ענין פון ר"ח וואס איז תלוי אין מולד הלבנה, איז ניט דער פשט אז דער מולד הלבנה למטה איז גורם אז דער טאג זאל זיין ר"ח, נאר דער מולד הלבנה למעלה טוהט אוף אז דער טאג וואס אין אים איז דער מולד למעלה, זאל ער זיין ראש חודש. נאר וויבאלד אז דער מולד למעלה ווערט נשתלשל למטה, במילא איז דער טאג פון ר"ח מתאים אויך מיטן מולד הלבנה למטה.

ובמילא מתורץ הנ"ל: דער אופן ההשתלשלות פון דעם מולד למע' עס זאל נשתלשל ווערן למטה, איז דאס תלוי אין דעם מטה. בשעת אז למטה איז אכשור דרא, דאן איז דער דבר המשתלשל קומט אויך אין זעלבן זמן למטה אזוי ווי ער איז אין דעם זמן למעלה. בשעת עס איז לא אכשור דרא, קאן זיין אז למטה זאל אראפקומען דער ענין אין א אנדער זמן, פריער אדער שפעטער.

ובמילא איז רעכט דער ענין פון קדוש החודש. דעם טאג וואס ב"ד איז מקדש דעם חודש, דאס איז דער טאג פון מולד הלבנה למעלה, און דאס וואס למטה זעהט מען אז דער מולד איז אין א אנדער טאג, איז דאס ווייל עס איז ב"ד מזידין, וואס דאס איז א הוראה אז עס איז לא אכשור דרא, אדער מצד אנדערע סיבות, איז למטה דאס נשתלשל געווארן אין א אנדער זמן, אבער פונדעסטוועגען איז דאס ניט משנה דעם טאג פון



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 259 הודפס ע"י אוצר

ר"ח, ווײלע אַלע ענינים פון תומ"צ איז נוגע צו דעם ענין ווי ער איז למעלה, און ב"ד איז מכוון צום מולד הלבנה למעלה.

י. דער זעלבער ענין איז אויך אין ברכת החמה. אין דעם חשבון התקופות איז פראַן תקופת רב אדי און תקופת שמואל, מיר רעכענען תקופת שמואל אָבער די אמת'ע תקופה איז תקופת רב אדי, ווי עס שטייט אין רמב"ם.

ולפי"ז איז לכאורה ניט מובן, ווי אַזוי מאַכן מיר א ברכה עושה מעשה בראשית, וואָס דאָס מאַכט מען א ברכה אויף דעם וואָס די זון איז צוגעקומען אין דעם זעלבן פּלאַץ וואו די איז נתלה געוואָרן, ווײבאַלד אַז תקופת שמואל איז ניט די אמת'ע תקופה, ד.ה. אַז תורה אַלײן זאָגט אַז די אמת'ע תקופה איז תקופת רב אדי, קומט דאָך אויס אַז דער זמן ווען די זון קומט צו אין דעם פּלאַץ, איז דאָס גאָר א אַנדער זמן, און אין דעם זמן געפינט זי זיך גאָר אויף א אַנדער פּלאַץ, הײנט ווי מאַכט מען א ברכה עושה מעשה בראשית?

ולפי הנ"ל מובן, וואָרום באמת מאַכט מען די ברכה אויף דעם וואָס די חמה למעלה קומט צו אין דעם פּלאַץ, און אין דעם ענין, איז תקופת שמואל די אמת'ע תקופה, וואָרום דאָס וואָס דער רמב"ם זאָגט אַז רב אדי'ס חשבון איז דער אמת'ער חשבון, מײנט ער ניט צו זאָגן אַז דאָס איז אמת עפ"י תורה ח"ו, נאָר עפ"י תורה - ד.ה. ווי די ענינים זײנען למעלה וואָס אין דעם איז תלוי די דינים פון תורה - זײנען לפי חשבון שמואל. די נ"מ איז נאָר אַז בזמן הבית איז למטה אויך אַראָפּגעקומען אַלע ענינים אין דעם זעלבן זמן ווי עס איז געווען מעלה, און בזמן הגלות איז הגם אַז דער אמת'ער חשבון איז תקופת שמואל, קומט דאָס למטה אַראָפּ אין א אַנדער זמן, אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס וואָס עס איז נוגע צו תומ"צ, רעכענען מיר נאָך תקופת שמואל, כנ"ל.

יא. לפי כל הנ"ל וועט ווערן פאַרענטפערט נאָך א שטאַרקע קושיא וואָס איז פראַן אין דעם ענין פון ברכת החמה, אויך אין דעם ענין פון שבת ויו"ט, כדלהלן.

דער אָרט וואו דער אויבערשטער האָט תולה געווען די זון איז דאָס א מקום הסמוך לא"י וואָס דאָס איז דער אָרט פון ג"ע - דער פשט ג"ע איז סמוך לא"י, איז מבואר בכמה ספרים, ואכ"מ - און פון דאָרטן האָט זי אָנגעהויבן צו גײן איבער די גאַנצע וועלט, ד.ה. אַז אין א אָרט וואָס ס'איז ווײט פון א"י צעהן שעה למשל, איז בשעת די זון קומט אַהין, איז זי אַוועק פון מקום תלייתה הונדערט און פופציק מעלות.


הנחה בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 260 הודפס ע"י אוצר

ולפי"ז איז ניט מובן, וויבאלד אז דער ענין פון ברכת החמה איז אז אין דער צייט קומט די זון במקום תלייתה, היינט ווי מאכן מיר מארגן אינדערפריא א ברכה עושה מעשה בראשית, וויבאלד אז מארגן אינדערפריא געפינט זיך ניט די זון במקום תלייתה, כמובן, האט מען דאך געדארפט מאכן די ברכה אין דער גאנצער וועלט אין דער זעלבער צייט, אין דער צייט וואס אין א"י ווערט טאג וואס דאן קומט די זון במקום תלייתה, אבער ווי קאן מאכן מארגן אינדערפריא עושה מעשה בראשית, וויבאלד אז אין דער צייט געפינט זיך ניט די זון במקום תלייתה, ובמילא איז דאס ניט מעשה בראשית?

אזוי איז אויך ניט מובן אין דעם ענין פון שבת ויו"ט, וואס דער ענין פון שבת איז כי בו שבת, אז אין דער צייט וואס מיר היטן שבת איז שבת ממעשה בראשית, אדער יו"ט איז אז אין דער צייט וואס בא אונדז איז יו"ט איז אין דער צייט האט פאסירט דער נס, דלכאורה איז דאך די צייט וואס מיר היטן שבת, איז דאס ניט די צייט וואס בו שבת ממעשה בראשית, ווארום ווען בא אונדז איז שבת איז דאך שוין אין א"י וואך, האט דאך געדארפט לכאורה אויסקומען אז אין דער גאנצער וועלט זאל זיין שבת אין דעם זמן וואס אין א"י איז שבת, וואס בא אונדז האט דאס זיך געדארפט אנהייבן פון מיטן טאג ביז אין מיטן טאג און אזוי איז אויך אין דעם ענין פון יום טוב? ·

- דער אלטער רבי שרייבט אין שו"ע מהדורא בתרא (סימן א) אז קדושת שבת ויו"ט איז למעלה מגדר זמן ומקום און עס איז מאיר למטה בכל מקום ומקום זמנו הראוי לו. עס איז דאך אבער ניט מובן, ווארום ניט דאס איז די צייט פון כי בו שבת, כנ"ל -

ולפי הנ"ל איז מובן, ווארום דער ענין פון שבת איז ניט תלוי אין דעם זמן וואס כי בו שבת למטה נאר אין דעם זמן וואס כי בו שבת למעלה, און דער זמן וואס כי בו שבת למעלה איז למעלה מגדר פון אונדזער זמן, און עס איז מאיר בכל מקום ומקום זמנו הראוי לו, ד.ה. אז אין יעדער ארט דעם זמן וואס דארטן איז שבת, דאס איז דער זמן פון כי בו שבת למעלה. די נ"מ איז נאר אז אין א"י קומט אראפ למטה אין דעם זעלבן זמן ווי עס איז למעלה, און אין חו"ל וואס דער ארט איז ווייטער פון א"י, איז דער כי בו שבת קומט אראפ אין א אנדער זמן, אבער וויבאלד אז למעלה איז דאס אין דעם זמן פון זעקס אזייגער באיינאכט ביז די צווייטע נאכט, איז דאס וואס עס איז נוגע צו תומ"צ, איז דער ענין למעלה.

און אזוי איז אויך אין ברכת החמה, אז דער זמן וואס מיר מאכן די ברכה דאס איז דער זמן פון מעשה בראשית למעלה,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 261 הודפס ע"י אוצר

הגם אז למטה קומט דאס אראפ אין א אנדער זמן.

יב. דאס אלץ איז די הסברה אין ברכת החמה, ווי מען דארף אנקומען צו פנימיות התורה, וואס פון דעם איז א הוראה אז אויך די ענינים וואס זיינען מובן עפ"י נגלה, איז דאס בעיקר די ענינים אין פנימיות התורה.

בנוגע די פרטי הדינים פון ברכת החמה:

איינער האט מיר געשריבן א בריף אז מען דארף אינגאנצן ניט מאכן קיין ברכת החמה, ווארום דער אלטער רבי ברייננגט ניט די ברכה אין סידור און שרייבט נאך א זאך, אז מצד דעם זאל מען ניט מאכן קיין ברכה אויך אויף א קשת, ווארום אויך די ברכה ברייננגט זיך ניט אין סידור, אבער דאס אליין איז א ראי' לסתור, ווארום אויף א קשת ווייס מען דאך אז דער רבי פלעגט מאכן א ברכה, הגם אז עס ברייננגט זיך ניט אין סידור, במילא דארף מען מאכן אויך ברכת החמה.

עס איז פראן צוויי דעות אין דעם נוסח הברכה, צי עושה בראשית צי מעשה בראשית, אבער מען דארף מאכן עושה מעשה בראשית. און ניט איבער דעם ווי אנדערע ווילן זאגן אז אין עושה מעשה בראשית איז שוין פראן במילא אויך עושה בראשית, ווארום ווי עס רעדט זיך אין חסידות איז דאס גאר צוויי באזונדערע ענינים, נאר אזוי ווי די צוויי דעות איז פראן אויך אנקעגען ברקים ורעמים, און דארטן פסק'נט דער אלטער רבי אין סידור, מ'זאל מאכן עושה מעשה בראשית, במילא קומט אויס דעם אלטין רבי'נס דעה אויך אין דעם ענין פון ברכת החמה, אז דער נוסח איז, עושה מעשה בראשית.

די מזמורים והדומה וואס צו זאגן בעת ברכת החמה, איז פראן אין שדי חמד ברייננגט ער מ'זאל זאגן פארשידענע זאכן, אזוי ווי פתח אלי', א-ל אדון, וכו'. איז די אלע זאכן דארף מען ניט זאגן, ווארום אויב מ'וואלט דאס דארפן זאגן, וואלט מען דאס דארפן זאגן אויך בשעת קדוש לבנה, און וויבאלד אז דער אלטער רבי האט דאס ניט אריינגעשטעלט אין קדוש לבנה איז א ראי' אז ברכת החמה דארף מען דאס אויך ניט זאגן. ובפרט א-ל אדון דארף מען א הדאי ניט זאגן, כידוע אז עפ"י קבלה אין מקום כלל לאמירת א-ל אדון רק בשבת. דעם מזמור השמים מספרים וואס זיי ברייננגען מ'זאל זאגן, קאן אפשר זיין אז מ'זאל אים יע זאגן, הגם אז מ'זאגט אים ניט צו קדוש לבנה. ווייל אין דעם מזמור רעדט זיך בעיקר וועגן די חמה, און די לבנה דערמאנט זיך דארטן נאר בהעלם, אין די ווערטער ולילה ללילה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ג שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 262 הודפס ע"י אוצר